**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/21/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**דורכאויס פארם-צו-שולע-וואך, גאווערנאר האקול מעלדט 10 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען צו ברענגן מער ניו יארק עסן צו ניו יארק שולעס**

***אפליקאציע יעצט אפען פאר רונדע 3 פון די ראיאנישע שולע עסן אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם***

***פראגראם שטעלט צו 50 מיליאן דאלאר איבער פינעף יאר צו פראיעקטן איבער די סטעיט פאר די אנגרייטונג פון פרישע, פון אנהייב מאלצייטן פאר סטודענטן ווען צושטעלענדיג א שטופ פאר ניו יארק פארמער***

***עס בויעט זיך אויפן גאווערנער'ס 2025 סטעיט אוו די סטעיט פריאריטיס צו ברענגן ניו יארק עסן צו סטודענטן, באקעמפן שפייז אומזיכערהייט און שטארקן לאקאלע שפייז פראדוקציע איבער די סטעיט***

***טוט פארזעצן צו שטיצן עסן צוטריט פאר ניו יארקער ווען די פעדעראלע רעגירונג שאטדאון און ווילדע שניטן דראאען פעדעראלע פינאנצירטע עסן פראגראמען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן, דורכאויס פארם-צו-שולע וואך, אז 10 מיליאן דאלאר ווערט געשענקט דורך רונדע 3 פון ניו יארק'ס ראיאנישע שולע עסן אינפראסטראקטור גרענט פראגראם (Regional School Food Infrastructure (RSFI) Grant Program) צו ברענגן מער ניו יארק עסן צו ניו יארק שולע קינדער. די פראיעקט שטיצט פראיעקטן אין ניו יארק שולעס וועלכע פארבעסערן דאס שפייז צוגרייטונג און פארטיילונג פאר קינדערגארטן ביז סטודענטן אין גרעיד 12. ערשט געמעלדט אין די גאווערנער'ס 2023 סטעיט אוו די סטעיט, דער RSFI פראגראם שטלט צו $50 מיליאן אין פארלויף פון פינף יאר צו בארעכטיגטע אפליקאנטן צו פארגרינגערן דאס איבערארבעטן און צוגרייטן אויפן פלאץ פרישע, נארהאפטיגע מאלצייטן, נוצן מער געזונטע, לאקאלע ניו יארק שפייז פראדוקטן, און דערמוטיגן די ניו יארק פארמערס. די פראגראם איז נאר איין ביישפיל פון די פולע וועגן וואס ניו יארק סטעיט פריאריטיזירט פארמינערן עסן אומזיכערהייט און שטיצענדיג פארמער, אין קאנטראסט צו די פעדעראלע רעגירונג'ס ווילדע שניטן צו קריטישע נערונג פראגראמען.

"אין די צייט וואס די אומפאראנטווארטליכע פעדעראלע רעגירונג שאטדאון גייט אן נאכפאלגענדיג די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע'ס שעדליכע שניטן צו עסן פראגראמען, בין איך שטאלץ צו זאגן אז דא אין ניו יארק סטעיט טוהן אונז וייטער פאראויסרוקן אונזער צילן פון פארמינערן עסן אומזיכערהייט ווען פארמערענדיג מארקעט געלעגענהייטן פאר פארמער," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אונזער ראיאנישע שולע עסן אינפראסטרוקטור פראגראם שטיצט אונזערע אגריקולטורישע אינדוסטריע און מאכט זיכער אז אונזערע קינדער האבן גענוג לאקאלע, פרישע מאלצייטן זיי דארפן צו לערנען און בליען. די פינאנצירונג פאר די פראיעקטן וועט צושטעלן די שטארק-געדארפטע שטיצע צו העלפן שולעס

אנגרייטן זאפטיגע, פרישע עסן פון אנהייב פאר אונזער סטודענטן אין זייער אייגענע איינריכטונגען, ווייטער פארשטערקערנדיג די שטאנהאפטיגקייט פון אונזער עסן סיסטעם."

אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets), די ראיאנישע שולע עסן אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם שטעלט צו פאר ניו יארקער שולעס די רעסאורסעס וואס זיי דארפן צו זאמלען, אוועקלייגן, פראצעסירן, און צוגרייטן פארם פראדוקטן, און ערמעגליכן צו קאכן פרישע, נארהאפטיגע מאלצייטן פאר סטודענטן פון פריש. פינאנצירונג פון די פראגראם וועט אויך גיין צו אנטוויקלן איינריכטונגען צו ערלויבן ארגענעזאציעס צו צאמשטעלן, אוועקלייגן, פראצעסירן און אנגרייטן פארם פראדוקטן אויפן ארט. דער פראגראם דערמוטיגט אויך ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט דורכן צושטעלן טרענירונג צו שולעס, קאמיוניטיס, און סטודענטן פאר קאכריי פאכן, שפייז פראצעסירונג, זיכערע באהאנדלונג און אוועקלייגן שפייז, לאגיסטיקס, ליפערונג, און נאך, באזירט אויף קאמיוניטי באדערפעניש.

די עוועילעביליטי פון פינאנצירונג איז געמאלדן געווארן אין א ספיציעלע געשעהניש היינט אויף לאנג איילענד וואו סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער Richard A. Ball (ריטשארד א. באל) האט באזוכט איסט ענד עסן אינסטיטוציע צו אויף פייערן די ארגענעזאציע'ס פארשריט אויף א סטעיט-פון-די-ארט עסן האב וועלכע איז אין טייל געשטיצט דורך 5 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג באקומען דורך רונדע 2 פון די RSFI פראגראם. די קאמיסיאנער און געסט האבן באזוכט די אינטער קאנסטרוקציע איינריכטונג און האבן אויך איינגעפלאנצט די ערשטע ערבס פאר די אינסטיטוטיע'ס געפלאנטע געמיינדע עסן גארטן.

East End Food, וועלכע איז געווען איינער פון צוויי ענטהאלטער פון די צווייטער רונדע פון די פראגראם, טוט נוצן די געלטער צו ווייטער ארבעטן אויף זייער Food Hub, וואס איז געאייגנט צו דינען אלץ א צענטראלע ארט צו זאמלען, פראצעסירן און פארטיילן עסנווארג אין די לאנג איילענד ראיאן. די פראיעקט וועט לייגן געוויכט אויף אדרעסירן לאגיסטישע פראבלעמען וועלכע מאכן זיך אין שולעס און אנשטאלטן מיט באקומען לאקאלע עסנווארג, אזוויי שוועריקייטן ארום פארשלאגן געלטער, באצאלן און פארטיילן. East End Food Institute וועט איינגלידערן ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט טרענירונג אין די פראיעקט דורך אויפנעמען איינגעשטעלטע מיט טרענירונג געצילט אויף צוגרייטן און פראדוצירן עסנווארג. רענדערינגס פון די פלאנירטע עסן האב זענען פארהאנען אויף די דיפארטמענט'ס וועבזייטל. די פראיעקט וועט דערמוטיגן די פאלגנדע דיסטריקטס, Southampton Union Free School District, Westhampton Beach School District, Riverhead Central School District (CSD), Copiague School District, North Shore School District, און Half Hollow Hills School District.

**נאך RFP אינפארמאציע**

פראיעקט פארשלאגן זאלן זיין ראיאניש פאקוסירט אויף פארבעסערן מאלצייט אנגרייטונג פאר K-12 שולע קינדער, פארמינערענדיג שפייז אומזיכערהייט, פארמערענדיג מארק געלעגענהייטן פאר ניו יארק סטעיט פראדוצירער און פארשטערקערנדיג די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזער סטעיט'ס עסן סיסטעם. די פראגראם פארלאנגט אז פינאנצירטע איינריכטונגען דינט פילע שולע דיסטריקטס און שטיצט זייער לאקאלע געמיינדע, אריינגערעכנט דורך צושטעלן ארבעטקראפט אנטוויקלונג געלעגענהייטן. גרענט פאנדס זענען פארהאנען פאר די קאסטן פון קאפיטאל פראיעקטן צו שטיצן די אנגרייטונג און דיסטריביוציע פון פרישע מאלצייטן פאר ראיאנישע שולע אינפראסטרוקטור, אזוי ווי צאמשטעלן, סטארעדש האבס, און/אדער קאמיסערי-סארט קאכן. בארעכטיגטע אפליקאנטען רעכענען אריין נישט פאר פראפיט ארגענעזאציעס, לאקאלע מוניציפאליטעטן, סקול דיסטריקטס און באורדס פון קאאפערטיווע עדיוקעישענעל סערוויסעס (BOCES).

פינאנצירונג וועט ווערן געשאנקען צו יעדער ראיאן פון די סטעיט איבער די צייט אפשניט פון פינעף יאר, שענקענדיג 5 מיליאן דאלאר יעדעס יאר צו צוויי ראיאנען אויף א מאל. די ערשטע רונדע פינאנצירונגען איז געשאנקען געווארן צו פראיעקטן אין מערב ניו יארק און די צפון קאנטרי, מיט די צווייטע רונדע פון פינאנצירונג גייענדיג צו פראיעקטן אויף לאנג איילענד און אין צענטראלע ניו יארק. נאך צוויי ראיאנען וועלן געשאנקען ווערן $5 מיליאן יעדער אין נאכפאלגנדע רונדן, ביז אלע ראיאנען וועלן באשאנקען ווערן.

**רונדע 3 פארשלאגן זענען ערווארטעט אויף יאנואר 20, 2026, אום 3:00 נ.מ** פאר מער אינפארמאציע אויף די פראגראם, פראיעקט בארעכטיגקייט און וויזוי זיך איינצושרייבן, באזוכט agriculture.ny.gov/Funding-Opportunities. אן אינפארמאטיווע וועבינאר דעקענדיג וויכטיגע דעטאלן פאר פארלאנגע פאר פארשלאגן קען געזעהן ווערן דא.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער Richard A. Ball (ריטשערד א. באל) האט געזאגט,** "איינס פון אונזערע פריאריטעטן אין די דיפארטמענט איז צו פארזיכערן אז אונזער שולעס קענען לייגען זייער פרישע, לאקאלע עסנווארג פראדוקטן דירעקט אין אונזער געמיינדעס, און פארזיכערן אז אונזערע שולעס פארמאגן די געצייג וועלכע זיי דארפן אויף צו קענען אליינס קאכן און נוצן באשטאנדטיילן געמאכט דורך אונזערע פארמערס און פראדוצירער איז א וויכטיגע טייל פון די באמיהונג. דורכאויס די צוויי רונדעס פון די פראגראם, זעהן אונז שוין פרייליכע פארשריט אויף פראיעקטן ווי א נייע עסן האב אנגעפירט דורך די איסט ענד עסן אינסטיטוטיע וועלכע וועט בענעפיטירן פארמער און סטודענטן צוגלייך. איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע שטיצע פון די קריטישע פראגראם און מוטיג אלע בארעכטיגטע אפליקאנטן צו באטראכטן זייך אנצוגעבן פאר רונדע 3, וועלכע שטעלט צו א געלעגנהייט צו פארשטערקערן אונזער עסווארג סיסטעם און צושטעלן געשמאקע, געזונטע און לאקאל-ערצויגענע מאלצייטן פאר אונזערע סטודענטן און אינעם זעלבן צייט דערמוטיגן אונזערע פארמערס."

**איסט ענד עסן אינסטיטוטיע עקזעקעטיוו דירעקטאר Marci Moreau (מארסי מארעראו) האט געזאגט,** "די אנגייענדע שטיצע פון גאווערנער Hochul (האקול) און קאמיסיאנער Ball (באל) דורך די ראיאנישע שולע עסן אינפראסטרוקטור פראגראם טוט טראנספארמירן עסן סיסטעמען אין ניו יארק און העלפט צו בויען מער שטאנדהאפטיגע לאקאלע עסן נעטווארקס. אלע פון אונז ביי איסט ענד פוד זענען שטארק דאנקבאר פאר די מיטארבעט, וועלכע ברענגט צוזאם אונזער פארמער און שולעס, שטיצענדיג לאקאלע אגריקולטור ווען צו די זעלבע צייט פארזיכערענדיג אז יעדער קינד האט צוטריט צו פרישע נעהרענדע מאלצייטן. ביי איסט ענד אינסטיטוטיע, גלייבן אונז אז ווען אונז ברענגן צוזאמען פארמער און שולעס, די פראצעס פון בילדונג אליין ווערט פארבעסערט און סטודענטן פארדינען נישט נאר געזונטערע מאלצייטן, נאר אויך א טיפערע פארשטאנד פון וואו זייער עסן קומט פון און די מענטשן וועלכע וואקסן עס. די געלטער זענען גאר וויכטיג מיט אונז העלפן צו בויען א שטערקערע, מער פארבינדענע עסן סיסטעם, איינס וועלכע שפייזט די גוף, מוח און געמיינדע. אונז זענען דאנקבאר פאר די געלעגנהייט און בלייבן פארפליכטעט צו עס באהערן דורך אונזער ארבעט יעדן טאג."

**סאוטעמפטאן שולעס דירעקטאר פון עסן סערוויסעס Regan Kiembock (ריגען קיעמבאק) האט געזאגט,** "אלץ א שולע עסן סערוויס דירעקטאר מיט א שטארקע געפיל פאר פארם-צו-שולע, איך בין גאר פריילעך איבער די אינוועסטירונג וואס ניו יארק סטעיט און אונזער גאווערנער האבן געמאכט צו פארמערן צוטריט פון לאקאלע עסן צו אונזער סטודענטן אין אונזער שולעס דא אויף לאנג איילענד. די איסט ענד עסן אינסטיטוטיע וועט זיין א ווערדפולע רעסארס פאר אלע וועלכע זענען פארפליכטעט צו צושטעלן פאר אונזער סטודענטן פרישע, לאקאלע און געזונטע עסן אין אונזער שולע'ס קאפיטעריעס דורך נישט נאר פארגרינגערן פאר אונז צו פארבינדען און אייננקויפן פון אונזער פארמער און לאקאלע פראדוצירער, נאר אויך אונז ערלויבענדיג צו האבן אן ארבעטקראפט אנטוויקלונג פראגראם צו טרענירן איינגעשטעלטע אויף מער פון אנהייב עסן אנגרייטונג. דעס איז א ריכטיגע געווינס פאר יעדער."

**סטעיט סענאטאר Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "די רעזולטאט פון פעדעראלע שניטן צו עסן זיכערהייט פראגראמען איז אז קינדער און פאמיליעס איבער ניו יארק וועלן נישט האבן צוטריט צו די עסן זיי דארפן. איבעראל וואו די סטעיט קען מאכן אן אונטערשיד צו באשיצן מענטשן און אפרברייטערן עסן צוטריט, נעמען אונז שריט. דעס רעכענט אריין שטיצן די ראיאנישע שולע עסן אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם, וועלכע געבט פאר שולעס די קאפיטאל פינאנצירונגג צו אוועקלייגן, קאכן און טיילן פרישע, געזונטע עסן - ווען אויך העלפענדיג ניו יארק פארמער צו לייגן זייער הויך קוואליטעט פראדוקטן אויף די טעלערס פון סטודענטן. איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און קאמיסיאנער Ball (באל) פארן פריאריטיזירן די קריטישע פראגראם, און מוטיג אלע בארעכטיגטע אפליקאנטן צו זיך איינשרייבן."

**אסעמבלימעמבער Donna Lupardo (דאנא לופארדא) האט געזאגט,** "די ראיאנישע שולע עסנווארג אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם האט געהאלפן שולעס און אנדערע אנשטאלטן און זייערע באמיאונגען צו צושטעלן פרישע, לאקאלע פרוכט און גרינצייג מיט די מאלצייטן וועלכע זיי סערווירן. די פראגראם שטיצט NY'ס שוואר ארבעטענדע פארמער, מוטיגט די עסן פון געזונטע און נארהאפטיגע עסנווארג, אלעס ווען פארשטערקערנדיג לאקאלע עסנווארג סיסטעמען. איך מוטיג שולע דיסטריקטס צו איינגעבן פאר די גריטע רונדע פון פינאנצירונג; די גאר וויכטיגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען וועלן ברענגען פארדינסטן פאר די קומענדיגע יארן."

**אסעמבלימעמבער Jodi Giglio (דשאדי גיגליא) האט געזאגט,** "די ראיאנישע שולע עסן אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם וועט העלפן צו פארזיכערן אונזער סטודענטן דא אין די נארט פארק האבן די נערונג, לאקאל באקומענע עסן זיי דארפן זיי צו העלפן לערנען. אין צוגאב צו דעם, די פראגראם שטיצט אונזער לאקאלע פארמער, דעריבער איז דעס איז א ריכטיגע געווינס פאר יעדער. איך קאנגראטוליר די איסט ענד עסן אנשטאלט אויף די געשאנק און קוק ארויס צו זעהן די פראיעקט קומען צום ווירקליכקייט."

**איסט ענד עסן אינסטיטוטיע פראגראם דירעקטאר און Soul Creations Apothecary and Herb Farm אייגענטומער Kayla Barthelme (קיילע בארטעלמע) האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע צו באגריסן קאמיסיאנער (באלל) און אונזער געמיידנע צו די איסט ענד עסן האב. אלץ א קליינע פארמער און ערב וואקסער אויף די איסט ענד, טוה איך באוואקסען מעדעצינישע ערבס און ארבעט צוזאמען מיט אנדערע לאקאלע וואקסער און לערער וועלכע טיילן מיט איין מיסיע: צו האלט אונזער געמיינדע געזונט, פארבינדען און געגנערט פון די ערד ארויף. פארא די פון אונז וועלכע פארמען דא, די פאריעקט שטעלט פאר אזויפיל מער ווי א געביידע - עס איז האפענונג פאר די צוקונפט פון לאקאלע אגריקולטור. די איסט ענד עסן האב וועט געבן וואקסער די אינפראסטרוקטור אונז האבן לאנג געדארפט צו פראצעסן, אוועק לייגן און פארטיילן אונזער פראדוקטן עפיציענט און צוגענגליך. עס וועט אויך האלטן עסן ווערן געוואקסען אויף לאנג איילענד - שפייזענדיג אונזער שולעס, שפיטעלער און פאמיליעס, ווען געבענדיג פארמער די סטאביליטעט צו ווייטער טוהן דאס וואס זיי האבן ליב. אונז טוהן אפט רעדן איבער 'וואקסן געמיינדע' און דעס איז געגנוי וואס די פראיעקט טוט. עס פארשטערקערט די ווארצלעך צווישען פארמער און שכנים, און דערמאנט אונז אז ווען אונז אינוועסטירן אין לאקאלע עסן, טוהן אונז עכט אינוועסטירן אין מענטשן - אין שטאנדהאפטיגקייט, נאכהאלטיגקייט און די מיטגעטיילטע געשיכטע פון די לאנד."

אין צוגאב צו די ראיאנישע שולע עסן אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם, גאווערנאר Hochul (האקול) טוט ווייטער פריאריטיזירן צו העכערן צוטריט צו עסנווארג פאר סטודענטן און פאר אלע ניו יארקער, מיט דעם וואס די אפטיילונג פון אגריקאלטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets) שטעלט איין א רייע פראגראמען צו בויען א מער שטאנדהאפטיגע עסנווארג סיסטעם און פארזיכערן אז פארמער קענען זיך פארבינדן מיט נייע לאקאלע מארקעטס.

אינטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו האלטן אלס א פריאריטעט צו פארמערן צוטריט צו עסנווארג פאר אלע ניו יארקער דורך באמיאונגען ארייגערעכנט די 30 פראצענט NYS איניציאטיוו פאר שולע מאלצייטן, די פארם-צו-שולע פראגראם, די FreshConnect Fresh2You אינציאטיוו, די עסן צווטריט פארברייטערונג גרענט פראגראם ( Food Access Expansion Grant Program), די פארמערס מארק נערונג פראגראמען ( Farmers' Market Nutrition Programs), די שטאטישע פארמס און קאמיוניטי גארטענעס גרענטס פראגראמען ( Urban Farms and Community Gardens Grants Programs) און נאכמער. די אינוועסטירונגען בויען אויף די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו טרייבן פארלאנג פאר ניו יארק אגריקולטורישע פראדוקטן, שטיצן ניו יארק'ס עסן סופליי טשעין און פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו פרישע, לאקאלע עסן. דאס רעכנט אריין די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו באפעל 32 פאראדרענענדיג סטעיט אגענטורן צו פארגרעסערן די פראצענטן פון עסנווארג וואס ווערט איינגעקויפט פון ניו יארקע פארמער און פראדוצירער צו 30 פראצענט פון זייערע סך הכל איינקויפונגען ביז פינף יאר. די גאווערנער האט אויך פארפליכטעט 25 מיליאן דאלאר צו די ניו יארק סטעיט געוואקסען און סערטיפירטע אינפראסטרוקטור, טעכנעלאגיע, פארש און אנטוויקלונג גרענט פראגראם צו העלפן עסן פראדוצירער, פראצעסער, דיסטריביוטער און אנדערע נוצענדיג ניו יארק אינגרידינטס צו ברענגן אינאווירענדע NYS געוואקסענע און סערטיפירטע פראדוקטן צום מארק.

גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך [געמאלדן אין יוני](), 13.7 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר 19 פראיעקטן איבער די סטעיט דורך די שטאנהאפטיגע עסן סיסטעמען גרענט פראגראם צו צושטעלן קאפיטאל און טעכנישע הילף פאר פארמער און עסנווארג ביזנעסער וועלכע ארבעטן אינמיטן פון די סופליי קייט, העלפן פארבעסערן די מיטארבעט אין די עסנווארג סיסטעם און פארבעסערן צוטריט צו מארקעטס פאר פארמער. די אינוועסטירונג וועט נעלפן פארבינדען די פינטלעך צווישען אונזער סטעיט'ס עסן פראדוצירער און ריטעיל אפעראציעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן